# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת וארא | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק

## מילי דחסידותא

**וארא אל אברהם ואל יצחק ואל יעקב:** פירש"י ז"ל אל האבות, וכבר תמהו המפרשים לדעת מה הוסיף רש"י ז"ל בדבריו.

ותירץ **הרה"ק הרבי רבי מאיר'ל מפרעמישלאן** זי"ע כי הנה יש כמה בנ"א שאם יש להם זכות אבות, שאבותיהם או אבות אבותיהם היו אנשים מופלגים אנשי שם תלמידי חכמים, אזי הם סומכים על זכות אבותיהם, ואינם משתדלים כל כך לקנות שלימות בעצמם, כי מרגישים המה בנפשם שהם יוצאים ידי חובתם בעולמם בפעולות שעשו אבותיהם בעולם הזה.

אולם אבותינו הק' אברהם יצחק ויעקב לא נהגו ככה, והגם שיצחק אבינו היה לו זכות גדול בהיותו בנו של אברהם אבינו, מ"מ לא סמך כלל אזכות אביו, רק התאמץ בעצמו להיות עולה ממדריגה למדריגה, כדי שיהיה לו זכות עצמו בעבודת השם, וכן ביעקב אבינו, הגם שהיה בנן של קדושים, הן במה שהיה בנו של יצחק אבינו, ובן בנו של אברהם אבינו, מ"מ לא הסתכל ע"ז רק עלה מעלות רמות בתורה ויראה בעבודתו בעצמו.

וזהו מה שפירש רש"י ז"ל **וארא אל האבות**, היינו שעיקר חשיבות עבודתם של אברהם יצחק ויעקב היה בזה שהם היו בעצמם אבות, ולא כמו בנן של קדושים, רק התנהגו בעצמם בקדושה ובטהרה ולא הסתפקו בזה שהיה להם אבות קדושים.

## דרש דרש

**וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים אותם ואזכור את בריתי:**

דער הייליגער **מקובל רבי שמשון אסטראפאלער** זי"ע איז מסביר דעם פסוק לויט דעם וואס די גמ' זאגט אין מס' חגיגה (דף ה' ע"א) **ר' יוחנן כי הוי מטי להאי קרא בכי**, ווען ר' יוחנן האט געלערנט דעם פסוק האט ער געוויינט, **והסתרתי פני ומצאוהו רעות, עבד שרבו ממציא לו צרות כלום תקנה יש לו**, א קנעכט וואס זיין הער טוט אים שלעכטס איז נאך דא פאר אים א תקנה.

איז ער מסביר די גמרא ווייל די גמ' זאגט אין מס' ברכות (דף ה' ע"א) **יסורין ממרקין עוונותיו של אדם**, און ר' יוחנן וריש לקיש קריגן זיך ארום, ר'

## מעשה רב

### וארא אל האבות

עס איז געווען א איד א בנש"ק וואס פלעגט קומען צו פארן צום רבי'ן **ר' מאיר'ל פרעמישלאנער** זי"ע, און רבי מאיר'ל פלעגט אים שטארק מקרב זיין און זעצן אויבנאן נעבן זיך, ווי עס פאסט פאר א בנן של קדושים.

ביז איינמאל ווען דער גאסט איז געקומען האט אים רבי מאיר'ל זייער נישט פריינטליך אויפגענומען, קודם האט ער אים ניטאמאל אריינגעלאזט צו זיך, שפעטער ווען ער איז אריינגעקומען שלום נעמען האט אים רבי מאיר'ל געזאגט "עליכם שלום! גייט אייך געזונטערהייט, איך האב נישט קיין צייט פאר אייך..."

דער איד איז געווארן שטארק באליידיגט, און ער איז געווען זייער צוקלאפט דערפון, ער האט נאר געהאפט אז דאס איז נאר צייטווייליג און שבת וועט אים דער רבי יא מקרב זיין ווי געוועינליך.

ווען ער האט זיך געזעצט ביים טיש אזוי ווי אלעמאל נעבן רבי'ן, האט זיך רבי מאיר'ל אנגערופן זייער שארף "איך ווייס נישט וואס איז דער יחוס מיט דיר, ווייל דו ביסט אן אייניקל פון צדיקים?!" (און דער רבי ר' מאיר'ל האט דאן געזאגט די תורה וואס איז געדרוקט ביי מילי דחסידא). און אויך געזאגט בדרך צחות "והסנה איננו אוכל" א סנה, א דארן איז, אן אייניקל (איננו-אוכל) איינער וואס האט נישט קיין זכות עצמו און ער האלט זיך פאר א זאך ווייל ער איז א בנש"ק.

דער בנש"ק איז געווארן זייער צובראכן, ער האט דאס ממש נישט אריבערגעטראגן, נאכדערצו ווען דער רבי האט אים מארגן געהייסן זיצן ביים עק טיש איז ער שוין געווען אויסער זיך פאר עגמת נפש.

דער ציבור האט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם רבי'נס התנהגות, אבער קיינער האט זיך נישט געטרויעט אריינצורעדן, אבער דער חסיד אליין האט דאס נישט איבערגעטראגן, און ער איז מער נישט געקומען צו שלש סעודות.

צומארגנס האט ער זיך געזעגנט מיטן רבי'ן, אויך דאס געזעגענען איז צוגעגאנגען זייער קאלט.

יוחנן האלט אז דאס לערן איך ארויס א קל וחומר פון שן ועין, מה-דאך דארט גייט מען ארויס פריי אויב דער הער האקט אים אויס איין אבר, אוודאי יסורים אויפן גאנצן גוף אז מען גייט ארויס פריי פון עבירות. ר"ל זאגט אז מ'לערנט עס ארויס א גזירה שוה פון זאלץ, וואס ביי ביידע שטייט ברית, פונקט ווי זאלץ מאכט גוט דאס פלייש, אזוי אויך יסורין טוען אוועקנעמען די עבירות. דער חילוק צווישן זיי איז לויט ר' יוחנן וואס לערנט ארויס פון שן ועין איז דאס דוקא ווען דער הער אליין האקט אויס די ציין גייט ער ארויס פריי, אבער אויב האט ער נאר גורם געווען אז די ציין זאל ווערן אויסגעהאקט גייט ער נישט ארויס לחירות.

אזוי אויך ביי יסורין זאג איך דוקא אויב דער אייבערשטער שטראפט אים דעמאלטס ווערן פארציית זיינע עבירות, אבער אויב קומען זיינע צרות נאר ווייל השי"ת איז מסתיר פנים פון אים און די צרות קומען פון זיך אליין איז דאס נישט כפרת עוונות. משא"כ לויט ר"ל וואס מ'לערנט ארויס פון מלח, איז נישט קיין חילוק און סיי ווי אזוי איז יסורין ממרקין די עבירות.

וועגן דעם ווען ר' יוחנן וואס לערנט ארויס פון שן ועין, איז אנגעקומען צו דעם פסוק ווי עס שטייט אז דער אייבערשטער וועט זיך באהאלטן זיין פנים, דאס מיינט אז ער וועט נאר זיין א גורם צו די צרות, און נישט ער וועט דאס טון בפועל, איז דאך דאס נישט קיין כפרת עוונות, וועגן דעם האט ער אזוי שטארק געוויינט.

דאס זאגט דער פסוק **וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל אשר מצרים מעבידים**, וואס די מצרים מאכן ארבעטן, און נישט דער אייבערשטער אליין, וועגן דעם **ואזכור את בריתי**, וועגן דעם נעם איך אן ווי שיטת ריש לקיש וואס ער לערנט ארויס פון ברית מלח, אז יסורין ממרקין עוונותיו של אדם, וואס דעמאלטס איז דא מחילת עוונות.

# יגעת ומצאת!

היות אין די קומענדיגע טעג געפאלט אויס די יארצייטן פון עטליכע פון די גרויסע מאורי החסידות, אשר מפיהם אנו חיים, ווען מיר די וואך לערנען די "יגעת ומצאת" אין קורצן איבער זיי.

**דער רבי רבי זושא מאניפאלי זי"ע – רבי ר' משה לייב סאסוב'ער זי"ע – רבי יושע לייב דיסקין זצ"ל – דער ישמח ישראל זי"ע – אבותיהם, ורבותיהם? אב"ד בק"ק? בעל מח"ס? נפטרו בשנת? סדר היחוס פון כ"ק רבינו שליט"א צום רבי'ן ר' זושא זי"ע**

*

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאסווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות י')....

**ירושת"ו, יר"ש, יי"ש, יקנה"ז, י"ל, ידי"נ, יע"א, יצ"ו, יצ"ט, יוכ"פ, יצאמ"צ**

**אויפן וועג אהיים האט דער איד געטראפן רבי מאיר'לס איידעם רבי אברהם מיקאלאייווער זצ"ל, און ער האט זיך זייער אפגערעדט אויף דעם וואס דער רבי האט אים אזוי מבזה געווען, רבי אברהם האט זיך אנגעטראגן אז ער וועט אריינגיין צו ר' מאיר'ל און אים איבערפרעגן, אבער דער איד האט נישט מסכים געווען, "איך בין שוין נישט אינטערעסירט" האט ער געזאגט.**

**אויפן וועג אהיים איז ער געפארן דורך א בארג און דער וואגן האט זיך איבערגעדרייט, און דער איד איז גע'הרג'עט געווארן ל"ע. ווען רבי אברהם מיקאלאייווער האט געהערט דערפון איז ער אריינגעגאנגען צום שווער זייער צובראכן און דערציילט די בשורה.**

**האט אים רבי מאיר'ל געזאגט בלש"ק: פאר מאיר'ל דערציילסטו דאס! מאיר'ל האט געשפירט אז אויף דעם איד הענגט א גזרה, האט ער דאס געוואלט מבטל זיין דורך בזיונות, אבער דער איד האט דאס נישט מקבל געווען באהבה, און ער האט נאך געהאט תרעומת און ער איז געווען ברוגז, ער איז אנטלאפן פון טיש, וועגן דעם האבן די בזיונות גארנישט געהאלפן און די גזרה איז נעבעך געבליבן.**

# מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שני

*

**אסור ליקח דודתו:**

מיר לערנען די וואך אין די סדרה ווי עס שטייט **ויקח עמרם את יוכבד דודתו לו לאשה** אז עמרם האט חתונה געהאט מיט זיין מומע יוכבד. פאריגע וואך אין פרשת שמות שטייט אין פסוק **וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי**, לכאורה פארוואס דא זאגט די תורה קלאר ארויס אז עמרם האט גענומען יוכבד, און אין פר' שמות טוט דאס די תוה"ק באהאלטן און דערמאנט דאס נאר ברמז.

ענטפערט דער **רבי זי"ע** אין ספה"ק **ויואל משה** (מאמר ישוב אר"י אות כ"א) אז חז"ל זאגן אז עמרם איז געווען א זקן ויושב בישיבה, ער איז געזעצן אין ביהמ"ד און געלערנט תורה און ער האט געוואוסט אז מען טאר נישט חתונה האבן מיט א מומע, ער האט איר נאר גענומען אזוי ווי דער **אוהחה"ק** זאגט ביי יעקב אבינו אז ער האט גענומען צוויי שוועסטערס ווייל עס איז געווען בנבואה ולצורך שעה. ווייל זיי האבן געוואוסט אז פון דעם זווג וועלן ארויסקומען משה און אהרן וואס נאר אינעם זכות פון זיי ביידע וועט ארויסקומען די צוויי צדיקים.

אבער אזא זאך טארן פשוט'ע מענטשן נישט וויסן, ווייל זיי ווייסן דאך נישט די אלע געהויבענע זאכן, און זיי וועלן פאלש אפלערנען דאס ענין, דעריבער האט דאס עמרם געטון באהאלטענערהייט, ווי דער **אבן עזרא** זאגט אז ער איז אוועקגעגאנגען וואוינען אין א צווייטע שטאט, דעריבער האט די תורה בשעת מעשה נישט אויסגעזאגט ווער עס איז געווען דער **איש מבית לוי** וואס האט גענומען די **בת לוי**.

אבער נאכדעם וואס משה און אהרן זענען אויסגעוואקסן אלס די מנהיגי ישראל, און זיי האבן באוויזן די אלע אותות ומופתים האט דאך שוין גאנץ כלל ישראל געזעהן אז משה ואהרן זענען די מנהיגי ישראל, און קיינער האט שוין נישט געהאט קיין טענות קעגן דעם זווג פון עמרם מיט זיין מומע, דעריבער האט דאס שוין די תורה ארויסגעשריבן אפן.